**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/23/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול און שתדלנים פייערן היסטארישע אפמאך צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס אלס טייל פון דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025

***שטעלט אוועק ברייטע פלאן צו פארגרעסערן ניו יארק'ס האוזינג מארקעט — ארייננרעכנענדיג אנרייץ מאסנאמען וואס שאפן אפאָרדעבעל האוזינג אריבער די סטעיט; כלים פאר ניו יארק סיטי צו אויפטרייבן מער האוזינג; 500 מיליאן דאלאר צו אויפבויען ביז 15,000 נייע היימער אויף סטעיט לענדער; און אויטאריטעט צו ווייטער פארשטערקערן ניו יארק'ס "האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס" פראגראם***

***רעכנט אריין היסטארישע שוץ מאסנאמען פאר טענאנטס און היים אייגנטימער; מאסנאמען קעגן איבערגעטריבענע פרייזן פאר טענאנטס; שטערקערע שוץ מאסנאמען קעגן עוויקשענס; און נייע אינפארסירונג און פארמיידונג מאסנאמען צו באשיצן היים אייגנטימער פון שטר קנין גניבות; און עס ווידערהאלט געזעץ אז מענטשן וואס וואוינען אין א היים אן לעגאלע רעכטן הייסן נישט טענאנטס***

***לייגט צו מער פון 600 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג צו שטיצן האוזינג אריבער די סטעיט***

***באקעמפט האוזינג דיסקרימינאציע קעגן די וואס באקומען סעקשען 8 וואַוטשערס און אפאָרדעבעל האוזינג פראָוויידערס***

***בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו רעדוצירן האוזינג קאסטן פאר ניו יארקער דורכן פארגרעסערן די צאל הייזער אויפן מארקעט, שטופן פאר אפארדעביליטי און שטיצן טענאנטס און היים אייגנטימער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט צוזאמגערופן סענאט מאיאריטעט פירערין ענדריע סטואַרט-קאָזינס, ניו יארק סיטי מעיאר עריק עדעמס און אזוי אויך לעיבאר, האוזינג און טענאנט שתדלנים, צו פייערן א היסטארישע אפמאך אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס. די אפמאך רוקט פאראויס פאליסיס צו פארמערן די צאל הייזער אויפן האוזינג מארקעט, שטופן פאר אפארדעביליטי, פארשטערקערן שוץ מאסנאמען פאר ניו יארקע טענאנטס און היים אייגנטימער און באקעמפן נעגאטיווע נייגונגען און דיסקרימינאציע אין האוזינג. די שריט בויען ארויף אויף גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג זיך צו ספראווען מיט דעם האוזינג קריזיס און רעדוצירן האוזינג קאסטן פאר אלע ניו יארקער.

"זינט איך בין געווארן גאווערנער, האב איך געהאלטן א חזון צו בויען האוזינג וואס ניו יארקער דארפן פארצווייפלטערהייט, און מיר פייערן די היסטארישע אפמאך וואס וועט טראנספארמירן לעבנס און לייגן ארבעטנדע פאמיליעס קודם", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די האוזינג אפמאך פירט איין א פלאן

וואס איז אינדאַרסירט געוואָרן דורך יוניאַנס און דורך א פאַרשידנאַרטיגע און לעבהאַפטיגע קאָאַליציע פון ניו יאָרקער צו מאַכן א רעוואָלוציע אין די האָוזינג לאַנדשאַפט און ברענגען די גרעסטע אויסברייטערונג פון טענאַנט רעכטן אין ניו יאָרק אין דורות."

**סענאַט מאַיאָריטעט פירערין ענדריע סטוּאַרט-קאָזינס האט געזאָגט,** "די סענאַט דעמאָקראַטישע מאַיאָריטעט און אונזערע קאָלעגן אין די סטעיט רעגירונג זענען אריין אין די בודזשעט וויסנדיג אז עס איז שוין לאַנג די צייט צו פאַרזיכערן א האָוזינג אפמאַך וואס אַדרעסירט דירעקט די שוועריגקייטן וואס פאַמיליעס שטייען אויס. מיר האָבן פאַרשטאַנען אז דאס וועט נישט זיין א גרינגע אויפגאַבע, אָבער די היסטאָרישע רייע פון שריט ערפילן די נויט צו בויען נייע אַפאָרדעבעל האָוזינג; העלפט באַשיצן היים אייגנטימער פון פאַרקלאָוזשער און מצבים ווען פרעמדע מענטשן באַזעצן זיך אין צאָלן רענט ('סקוואַטערס'); און עס באַפולמעכטיגט טענאַנטס מיט שטאַרקע שוץ מאַסנאַמען ווי די וואס זענען פאַרגעלייגט אין די פרינציפן פון וואס ווערט פאַררעכנט פאַר א באַרעכטיגטע סיבה (Good Cause) צו אַרויסוואַרפן א טענאַנט. עס איז באַגייסטערנד זיך צו אַנשליסן מיט די אַנדערע כלל טוהער, שתדלנים און לעיבאָר פירער ביים פייערן די דערגרייכונג, אָבער מיר ווייסן אז באַדייטנדע אַרבעט בלייבט נאָך איבער. איך באַדאַנק מיינע שותפים אין סטעיט רעגירונג – גאָווערנער האָקול, ספּיקער היעסטי און אונזערע געוואַלדיגע סטעיט סענאַטאָרן אין די מאַיאָריטעט – פאַר זייער צוזאַמענאַרבעט, און איך קוק אַרויס צו ערגרייכן מער צוזאַמען."

**אַסעמבלי ספּיקער קאַרל היעסטי האָט געזאָגט,** "די אַסעמבלי מאַיאָריטעט האט א לאַנגע היסטאָריע פון קעמפן צו מאַכן זיכער, אַפאָרדעבעל האָוזינג צוגענגליך פאַר ניו יאָרקער. די סעיפים וואס מיר פירן דורך אין די בודזשעט וועלן אהערשטעלן קריטישע שוץ מאַסנאַמען פאַר טענאַנטס און היים אייגנטימער, צולייגן נייע הייזער צו די מאַרקעט און אינוועסטירן אין אַפאָרדעבעל האָוזינג אַריבער די סטעיט מיט פּראָגראַמען ווי די 'ניו יאָרק האָוזינג פאַר די צוקונפט'. דער נייער פּראָגראַמען וועט שאַפן אַפאָרדעבעל האָוזינג פאַר די וואס ווילן דינגען און אזוי אויך ווערן היים אייגנטימער, און צוזאַמען מיט די אינוועסטירונגען וואס זענען געמאַכט געוואָרן אין פּראָגראַמען ווי NYCHA און 'מיטשעל לאַמאַ' — וועלן זיי העלפן מער פאַמיליעס טרעפן זיכערע, אַפאָרדעבעל האָוזינג."

**פאַרגרעסערן ניו יאָרק'ס האָוזינג מאַרקעט**

אַלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאַר פיסקאַלע יאָר 2025, האָט גאָווערנער האָקול פאַרזיכערט א רייע פּראָגראַמען און איניציאַטיוון צו בויען נייע האָוזינג, אַריינרעכענענדיג אַפאָרדעבעל האָוזינג, אין ניו יאָרק סיטי. די בודזשעט רעכנט אַריין די נייע 485-x שטייער אַנרייץ – א צען-יאָריגער פּראָגראַם וואס בויט אַרויף אויף די יעצט-אַפּגעלאָפענע 421-a אַנרייץ פּראָגראַם – וואס גיבן בענעפיטן פאַר קאָנסטרוקציע פון הייזער בשעת'ן מוטיגן אַפאָרדעביליטי און אהערשטעלן פאַרשטערקערטע געהאַלט סטאַנדאַרטן פאַר געביידע דינסט און קאָנסטרוקציע אַרבייטער, וואו שייך. לויט די שאַצונגען, האָט דער 421-a פּראָגראַם פּראָדוצירט מער פון צוויי-דריטל פון אַלע ניי-געבויטע אַפּאַרטמענט הייזער אין די סיטי אין די לעצטע צען יאָר.

די בודזשעט פאַרלענגערט אויך די קאָנסטרוקציע טערמין פאַר פּראָיעקטן וואס זענען שוין טייל פון דעם אַפּגעלאָפענעם 421-a פּראָגראַם ביז 2031, פאַרזיכערנדיג אז טויזנטע רענטעל יוניטס וואס זענען בעפאַר דעם געוועזן אין סכנה, אַריינרעכענענדיג אַפאָרדעבעל האָוזינג, זאָלן קענען געבויט ווערן. אין צוגאָב, שטעלט די בודזשעט אוועק א נייע שטייער אַנרייץ פאַר פּראָיעקטן וואס טוישן איבער ביזנעס פּלעץ צו וואוינונגען וואס רעכענען אַריין אַפאָרדעבעל האָוזינג; עס שענקט די אויטאָריטעט צו אויפהייבן סטעיט באַגרעניצונגען אויף די געדיכטקייט פון וואוינונגען אין ניו יאָרק סיטי צום ערשטן מאָל זינט די 1960'ער בשעת'ן פאָדערן אַפאָרדעביליטי; און עס אויטאָריזירט די סיטי צו אויפשטעלן א פּילאָט פּראָגראַם צו נאָכלאָזן פאַר עקזיסטירנדע קעלער אַפּאַרטמענטס וואס קומען נאָך געזונטהייט און זיכערהייט סטאַנדאַרטן וואס וועלן באַשטימט ווערן דורך די סיטי אין געוויסע ניו יאָרק סיטי געגנטער.

פאר לאקאלע רעגירונגען אינדרויסן פון ניו יארק סיטי, רעכנט די בודזשעט אריין א שטייער אנרייץ פראגראם – וואס לאקאלע רעגירונגען קענען באשליסן יא אדער נישט אנצונעמען – פאר פראיעקטן וואס בויען אויף נייע הייזער אדער טוישן שטחים צו ווערן אפארטמענטס פאר רענט פאר מענטשן מיט אויסגעמישטע איינקונפט שטאפלען אדער 100 פראצענט אפאָרדעבעל, און אזוי אויך אן אנרייץ מאסנאם צו בויען צוגעבויטע הייזקעלעך (accessory dwelling unit, ADU). די בודזשעט פארלאנגט אויך פון די סטעיט'ס פייער פארמיידונג און געביידע רעגולאציע קאונסיל ( Fire Prevention and Building Code Council) צו שטודירן וועגן צו ענדערן די רעגולאציעס צו ערמעגליכן אלטערנאטיווע צורות פון אפארטמענט האוזינג.

גאווערנער האקול האט אויך פארזיכערט פינאנצירונג פאר א 500 מיליאן דאלארדיגע אינפראסטרוקטורישע אינוועסטירונג קאסע צו דעוועלאפען ביז אזויפיל ווי 15,000 יוניטס פון האוזינג אויף סטעיט רעגירונג שטחים אריבער ניו יארק. די גאווערנער האט אנאנסירט די 'איבערבויאונג פון נישט אויסגענוצטע שטחים פאר האוזינג' (Redevelopment of Underutilized Sites for Housing) איניציאטיוו אין איר 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע פון 2024, נאכן אונטערשרייבן אן עקזעקיוטיוו ארדער פאריגעס יאר פארלאנגענדיג אלע סטעיט אגענטורן צו איבערקוקן די שטחים אונטער זייער קאנטראל צו באשטימען אויב זיי האבן פאטענציאל צו ווערן האוזינג. שטחים וועלן ארויסגעלייגט ווערן אויף אן איינציגווייזן פארנעם, אזוי ווי די סטעיט לייגט ארויס איינלאדענונגען פאר דעוועלאפערס צו אריינגעבן פארשלאגן זיי צו אויפבויען.

אין צוגאב איז גאווערנער האקול אנגעקומען צו אן אפמאך צו פארשטערקערן ניו יארק'ס 'האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס' (Pro-Housing Communities) פראגראם דורכן ערמעגליכן די סטעיט דאס צו וועקשטעלן אלס א תנאי אז א קאמיוניטי זאל האבן א האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס סערטיפיקאציע צו קענען באקומען פון די 650 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג אויף וואס די סטעיט האט שיקול הדעת וויאזוי צו אויסגעבן. די גאווערנער האט אנאנסירט דעם האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס פראגראם לעצטער יאר אלס טייל פון א רייע עקזעקיוטיווע שריט צו פארגרעסערן ניו יארק'ס האוזינג מארקעט כדי צו אנערקענען און באלוינען לאקאלע רעגירונגען וואס ארבעטן אקטיווערהייט צו עפענען זייער פאטענציאל מיט האוזינג און מוטיגן אנדערע צו נאכגיין אין זייערע טריט. ביז היינט האבן שוין 179 לאקאלע רעגירונגען אנגעהויבן אפליקאציעס צו ווערן האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס, און 49 קאמיוניטיס זענען שוין סערטיפייד געווארן.

די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 וועט אונטערנעמען ווייטערע שריט צו העלפן צוריק ארויפברענגען ליידיגע אפארטמענטס אויף די רענטעל מארקעט דורכן העכערן די מאקסימום סומע וואס קען אויסגעגעבן ווערן אויף פארבעסערונגען פאר איינציגווייזע אפארטמענטס וואס זענען רענט-סטאביליזירטע יוניטס. נייע פאדערונגען צו די סיסטעם וועלן ערלויבן אייגנטימער צו צוריקבאקומען א פארהעלטנסמעסיגע חלק פון רענאוואציע קאסטן אין לויף פון א 15-יאריגע תקופה, און דאס וועט העלפן היטן אויף א צאל פון זיכערע, מאדערניזירטע רענט-סטאביליזירטע יוניטס אויפן מארקעט. די בודזשעט גיבט אויך 40 מיליאן דאלאר אין אינוועסטירונג געלטער צו העלפן צוריק ארויפברענגען אויפן מארקעט ליידיגע אפארטמענטס וואס נויטיגן זיך אין פארריכטונג אינדרויסן פון ניו יארק סיטי.

**פארשטערקערן שוץ מאסנאמען פאר טענאנטס און היים אייגנטימער**

גאווערנער האקול האט אויך פארזיכערט היסטארישע שוץ מאסנאמען קעגן איבערגעטריבענע פרייזן און קעגן עוויקשענס (ארויסגעווארפן ווערן פונדערהיים) פאר ניו יארקע טענאנטס אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025. די בודזשעט באשטימט אז רענט העכערונגען העכער צען פראצענט אדער פינף פראצענט אין צוגאב צו די 'קאנסומער פרייס אינדעקס' ( Consumer Price Index) וואס מעסט אינפלאציע (די נידעריגערע סומע צווישן די צוויי) זענען נישט פארהעלטנסמעסיג און א בארעכטיגטע סיבה כדי צו באשיצן טענאנטס קעגן איבערגעטריבענע פרייזן, און עס פארשטערקערט

לעגאלע שוץ מאסנאמען פאר געוויסע טענאנטס דורכאויס עוויקשען פראצעדורן, וואו שייך. די שוץ מאסנאמען וועלן זיין געפאדערט אין ניו יארק סיטי; לאקאלע אויטאריטעטן אינדרויסן פון ניו יארק סיטי וועלן האבן די מעגליכקייט צו באשליסן אויב זיי ווילן אויך אננעמען דעם פראגראם. אויף א באזונדערע פארנעם, איז גאווערנער האקול אנגעקומען צו אן אפאך צו פארשטערקערן עקזיסטירנדע געזעצן צו קלאר מאכן אז מענטשן וואס וואוינען אין א היים אן לעגאלע רעכטן ('סקוואַטערס') הייסן נישט טענאנטס און זענען דעריבער נישט בארעכטיגט צו די אויבנדערמאנטע און אנדערע שוץ מאסנאמען פאר טענאנטס.

אין צוגאב האט די גאווערנאר פארשטערקערט שוץ מאסנאמען פאר היים אייגנטימער קעגן שטר קנין גניבות דורכן אוועקשטעלן א קלארע אפטייטשונג פאר די באדייט פון די פארברעך פון שטר קנין גניבה אין די גניבה געזעצן און דורכן באגרעניצן די מעגליכקייט פון שווינדלערישע אינוועסטירער זיך צו איינשאפן א טייל אין גערישנ'טע פארמעגנס און לייגן דרוק אויף היים אייגנטימער צו פארקויפן זייערע פאמיליע היימער. די שוץ מאסנאמען וועלן העלפן פארשטערקערן אינפארסירונג און האלטן ניו יארקער אין זייערע היימער. כדי צו ווייטער פארמיידן פארלוסטן, האט די גאווערנער אריינגעברענגט א נייע 'טראנספער נאכן אומקום' שטר (Transfer on Death Deed) וואס וועט ערמעגליכן היים אייגנטימער צו זיין זיכער אז זייער היים וועט באשיצט ווערן נאך זייער אומקום, אן דארפן שרייבן א פארמאלע צוואה.

**באקעמפן נעגאטיווע נייגונגען און דיסקרימינאציע אין האוזינג**
אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, האט גאווערנער האקול אויך געשטופט פאר א ביל צו פארבאטן אינשורענס פירמעס פון פרעגן איבער- אדער נעמען אין באטראכט די איינקונפט מקור פון טענענטס, די עקזיסטענץ פון אפאָרדעבעל וואוינונג יוניטס אדער דאס באקומען האוזינג הילף פון די רעגירונג — אין די באשלוס אויב זיי זאלן געבן אדער פארזעצן צו געבן אינשורענס פאר ריעל עסטעיט שטח מיט וואוינונגען. דער נייער געזעץ וועט העלפן זיכער מאכן אז אפאָרדעבעל האוזינג פּראָווײדערס האבן צוטריט צו אינשורענס פאר א שכל'דיגע פרייז, און דערמיט וועט דאס העלפן פארמיידן רענט העכערונגען פאר טענאנטס.

די גאווערנער וועט אויך אוועקשטעלן א נייע אינפארסירונג איינהייט ספעציעל געווידמעט צו שנעלערהייט לייזן קאמפּלעינטס איבער האוזינג דיסקרימינאציע אין פארבינדונג מיט סעקשן 8 'האוזינג טשויס וואוטשערס', העלפנדיג פלאצירן באטראפענע מענטשן און פאמיליעס אין אווײלעבעל האוזינג צו וועלכע זיי זענען אומבארעכטיגט צוריקגעוויזן געווארן צוטריט צוליב זייערע וואוטשערס.

**נאך אינפראסטרוקטורישע אינוועסטירונגען**
אין צוגאב צום פאראויס שטופן גרויסארטיגע פאליסי שריט, רעכנט די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 אויך אריין מער פון 600 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג צו שטיצן האוזינג אריבער די סטעיט, אריינרעכענענדיג, צווישן אנדערע:

- 150 מיליאן דאלאר פאר 'ניו יארק האוזינג פאר די צוקונפט' (New York Housing for the Future) צו געבן סאָבסידיס פאר קאנסטרוקציע פון קאאפעראטיווע ('קאָו-אַפּ') רענטעל און קאאפעראטיווע היים אייגנטומערשאפט מיט 100% אפאָרדעבעל האוזינג.
- 140 מיליאן דאלאר פאר אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונגען פון ניו יארק סיטי האוזינג אויטאריטעט (New York City Housing Authority, NYCHA) דעוועלאפּמענטס.
- 80 מיליאן דאלאר פאר אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונגען פאר 'מיטשעל-לאַמא' (Mitchell-Lama) הייזער.
- 75 מיליאן דאלאר פאר אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונגען פון רעגירונג האוזינג אויטאריטעטן אינדרויסן פון ניו יארק סיטי.
- 50 מיליאן דאלאר פאר 'לאנד בענק' צו איבערבויען חרוב'ע אדער פארלאזטע שטחים.

- 40 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע געלטער צו מאדערניזירן ליידיגע רענטעל יוּניטס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי.
- 40 מיליאן דאלאר פאר אריינפילנדע הייזער צו פינאנצירן דעוועלאפמענט פון קליינע היימער אין אומבאנוצטע און נישט אויסגענוצטע שטחים צווישן עקזיסטירנדע דעוועלאפטע שטחים.
- 10 מיליאן דאלאר פאר אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונגען פון שטעטלישע האוזינג וואס זענען סאָבסידייזט דורך דעם פעדעראלן USDA 515 פראגראם.
- 25.5 מיליאן דאלאר אין אנדערע איינמאליגע אינפראסטרוקטורישע הילף פראיעקטן.

**ניו יארק סיטי מעיאר עריק עדעמס האט געזאגט,** "ווען מיר זענען אריינגעקומען אין אפיס צוויי יאר צוריק האבן מיר געהאט א מיסיע: היטן אויף פובליק זיכערהייט, איבערבויען אונזער עקאנאמיע און מאכן די סיטי מער איינוואוינער-פריינטליך פאר שווער-ארבעטנדע ניו יארקער. מאכן אונזער סיטי מער איינוואוינער-פריינטליך מיינט בויען מער אפאָרדעבעל האוזינג פאר מער מענטשן. מיר זענען שטאלץ מיט אונזער אדמיניסטראציע'ס פארשריט מיטן בויען א רעקארד-הויכע צאל פון אפאָרדעבעל היימער לעצטע יאר, און א דאנק גאווערנער האקול און אונזערע שותפים אין אלבאני, קענען מיר יעצט גיין אפילו ווייטער. מיר האבן געהאט איין איינפאכע מעסעדזש פאר אונזערע שותפים אין אלבאני: לאזט אונז בויען — און זיי האבן זיך איינגעהערט. מיט די נייע רייע פארשלאגן פלאנירט צו ווערן געזעץ, אריינרעכענענדיג אלע פון אונזערע לעגיסלאטיווע פריאריטעטן, קענען מיר טוהן געווי דאס און זיך אנהויבן ארויסבויען ארויס פון דעם האוזינג קריזיס."

**ניו יארק סיטי קאונסיל ספיקער, עידריען עדעמס, האט געזאגט,** "ניו יארקער שטייען אויס אין ערנסטע האוזינג מאנגל וואס פארלאנגט דרינגנדע און ארומנעמיגע שריט צו זיכער מאכן אז זיי קענען זיך ערלויבן צו פארבלייבן אין זייערע היימער. דורך די אנגענומענע סטעיט בודזשעט, וועט ניו יארק סיטי יעצט זיין אין א בעסערע פאזיציע צו בויען מער אפאָרדעבעל היימער און טוישן ביזנעס געביידעס צו ווערן האוזינג. מיר זענען דאנקבאר פאר די ארבעט פון אונזערע שותפים אין סטעיט רעגירונג און אלע פארמישטע קערפערשאפטן וועלכע האבן בייגעשטייערט צום פאראויס שטופן די בודזשעט."

**אסעמבלי מיטגליד אלעקס בארעס האט געזאגט,** "מיר דארפן זיך ארויסזעהן פון די קאשמאר וואו די איינציגסטע וועג זיך צו ערלויבן א היים אין ניו יארק איז דורכן געווינען די לאטערי: אדער די געבורט לאטערי, א האוזינג לאטערי אדער די 'מעגא מיליאנס'. כדי דאס צו טוהן, דארפן מיר בויען. אין די צייט וואס די סטעיט בודזשעט האוזינג שריט וועלן בענעפיטירן מענטשן אין יעדע עלטער, וועט עס זיי באזונדערס בייהילפיג פאר יונגע מענטשן וואס וואונדערן זיך איבער די סטעיט (און סיטי) וועלן זיין אן אפאָרדעבעל פלאץ פאר זיי זיך צו באזעצן און אויפשטעלן א פאמיליע. די שריט זאגן צו מיטלען צו דירעקט פינאנצירן סיי פריוואטע האוזינג און סיי היימער געבויט אויף סטעיט לאנד; עס באשיצט טענאנטס פון איבערגעטריבענע רענט פרייזן; עס גיבט רייך מאסנאמען פאר לאקאלע אויטאריטעטן צו מאכן זייערע זאָונינג רעגולאציעס מער האוזינג-שטיצנד און עס נעמט זיך צו שווינדלערייען און מיסברויכן. די קאסט פון גארנישט טוהן אין דעם נושא איז געוואן צו הויעך. איך לויב אויס די גאווערנער, לעגיסלאטיווע פירער און מיינע קאלעגן פארן צוזאמשטעלן א רייע שריט וואס צייכנט אפ א גרויסע טריט אויף פאראויס."

**קווינס באראו פרעזידענט, דאנאוון ריטשארדס דזשוּניאר, האט געזאגט,** "עס איז דא נאר איין וועג ארויס פון דעם אפאָרדעבעל האוזינג קריזיס וואס אונזער סיטי גייט אריבער — בויען. איך בין שטאלץ אז קווינס זעצט פאר צו שטיין אין שפיץ פון ניו יארק סיטי ווען עס קומט צו אפאָרדעבעל האוזינג פראדוקציע, אבער מיט צאללאזע פאמיליעס לעבנדיג אויף די שארפע עק פון ארימקייט, איז דאס קיינמאל נישט קלארער געוועןן אז פיל מער מוז געטוהן ווערן צו פארגרעסערן די צאל פון אונזערע אפאָרדעבעל הייזער. איך בין טיף דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר איר איבערגעגעבנקייט צו בויען און אויפהאלטן אפאָרדעבעל האוזינג אין קווינס און אריבער די גאנצע סטעיט. איך קוק ארויס צו אונזער אנגייענדע

שותפות מיט איר אדמיניסטראציע אזוי ווי מיר רוקן זיך פאראויס מיט די דרינגנדע שריט וואס זענען נויטיג צו אויסברייטערן אונזער האוזינג מארקעט."

**ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal) קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו האוזינג האט נישט קיין פארגלייך. די דורכברעכנדע מאסנאמען ברענגען לייזונגען פאר פראבלעמען וואס האבן געפלאגט ניו יארק פאר דורות. די פאליסיס און הונדערטע מיליאנען דאלארן אין נייע פינאנצירונג וואס זענען אריינגעלייגט געווארן אין די בודזשעט וועלן ארויסשטופן די פראדוקציע פון האוזינג אויפן וועג; היטן אויף די מעגליכקייט פון טענאנטס און היים אייגנטימער צו וואוינען זיכערערהייט און מיט אפארדעביליטי אין די קאמיוניטיס וואס זיי וועהלן אויס; און בעסער ערמעגליכן האוזינג דעוועלאפערס און לאקאלע אויטאריטעטן אריבער די סטעיט צו צושטעלן די היימער וואס ניו יארקער דארפן פארצווייפלטערהייט. אין די צייט וואס מיר פייערן די עררייכונג, פארשטייען מיר אויך אז דאס איז איינס פון די פילע שריט וואס עס פעהלט זיך אויס צו אדרעסירן דעם האוזינג אפארדעביליטי קריזיס אויף א צופרידנשטעלנדן פארנעם, און מיר קוקן ארויס צו אן אנגייענדע שותפות מיט די לעגיסלאטור צו אויפקומען מיט לאנג-טערמיניגע לייזונגען."

**BJ SEIU32 פרעזידענט, מעני פאסטרייק, האט געזאגט,** "אויפהאלטן ניו יארק'ס געביידעס טאר נישט מיינען מוותר זיין אויף אייער מעגליכקייט צו וואוינען אין זיי ווייל רענט איז צו הויעך. מיט גוט געהאלטן פאר ארבייטער, קלוגע כלים צו אנרייצן דאס צולייגן צו די האוזינג מארקעט און שטארקע 'בארעכטיגטע סיבה' טענאנט באשיצונגען, איז די האוזינג אפמאך א גרויסע טריט אין ריכטונג פון פאררעכטן די אומרעכטן פון ניו יארק'ס אפארדעביליטי קריזיס. די באלאנסירטע צוגאנג פאר וועלכע מיר האבן געשתדל'ט האט אונז געהאלפן טרעפן די וועג צו א האוזינג עקאלאגישע סיסטעם וואס ערלויבט ניו יארקער מיט אלע איינקונפט שטאפלען צו וואוינען, ארבעטן און אויפציהען פאמיליעס וואו זיי באלאנגען — אין ניו יארק. מיר אפלאדירן גאווערנער האקול, סענאט מאיאריטעט פירערין סטוּערט-קאזינס, ספיקער היעסטי און אלע ערוויילטע בעאמטע, יוּניאנס און שותפים אין פארשריט וועלכע האבן געארבעט צוזאמען צו בויען די נייע פונדאמענט פאר א מער אפאָרדעבעל ניו יארק."

**NY Building Congress פרעזידענט און CEO, קארלאָו א. סיסוּרע, האט געזאגט,** "מיט די דורכפירונג פון די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, האבן די גאווערנער און לעגיסלאטור ארויסגעוויזן זייער איבערגעגעבנקייט צו אראפברעכן מויערן וואס שטייערן אין וועג פון אפאָרדעבעל איינוואוינער וואוינונג דעוועלאפמענט און זיך צו נעמען צו ניו יארק'ס האוזינג קריזיס מיטן פולן קראפט. לעצטע יאר האט ניו יארק סיטי אליין געזעהן יערליכע פארשאצונגען פאר נייע יוּניטס פאלנדיג שארף פון 30,000 צו בלויז עטוואס העכער פון 11,000. דורכן צוטיילן פינאנצירונג פאר דעם 'אפאָרדעבעל געגנטער פאר ניו יארקער' (Affordable Neighborhoods for New Yorkers) פראגראם און ערמעגליכן צו אראפנעמען אלטע שטערונגען צו בויען ADU'ס און די מאקסימום פון 12 מאל אזוי סאך געבויטע שטח ווי שטח אונטער געביידעס — וועט די סטעיט קענען בויען האוזינג אין וועלכע ניו יארקער קענען זיך למעשה ערלויבן צו וואוינען בשעת'ן אויך שאפן שיין-באצאלטע דזשאב געלעגנהייטן פאר די ארבייטער וועלכע בויען און האלטן עס אויף. אין נאמען פון די Building Congress, בין איך שטאלץ צו זאגן אז אונזערע מיטגלידער זענען גרייט צו אריינגראבן מיט שאוולעך אין די ערד צו בויען אונזער וועג צו א מער אפאָרדעבעל, מער גערעכטע צוקונפט, און מיר אפלאדירן די גאווערנער פארן אונטערנעמען די אונטערנעמונג ביזן ענדע."

**New York Housing Conference עקזעקיוטיוו דירעקטארין, רעיטשעל פי, האט געזאגט,** "די בודזשעט איז א באדייטנדע עררייכונג פאר אפארדעביליטי, איינוואוינער-פריינטליכקייט און געלעגנהייט פאר ניו יארקער. מיר לויבן אויס גאווערנער האקול און די סטעיט לעגיסלאטור פארן שטופן לייזונגען צו ניו יארק'ס אפאָרדעבעל האוזינג קריזיס דורכן איינפירן פארשידענע נייע פאליסיס און פראגראמען אין

באציאונג צו שטייערן, זאָונינג און בודזשעט מיטלען וואס וועלן העלפן אויסברייטערן אונזער האוזינג מארקעט. די New York Housing Conference וועט פארזעצן צו ארבעטן צוזאמען מיט אונזערע שותפים אין רעגירונג צו ארויפבויען אויף די ארבעט ביז יעדער ניו יארקער האט צוטריט צו די זיכערע, אנשטענדיגע און אפאָרדעבעל האוזינג וואס קומט זיך זיי."

**Citizens Housing & Planning Council עקזעקיוטיוו דירעקטאר, האווארד סלאטקין, האט געזאגט,** "די היי-יאריגע סטעיט בודזשעט אפמאך שטעלט אוועק ניו יארק אויף די פיס צו קענען מאכן באדייטפולע פארשריט זיך צו אפגעבן מיט אונזער האוזינג מארקעט און אפארדעביליטי קריזיס. נאר דורכן צולייגן הייזער צו דינגען פאר מענטשן מיט אויסגעמישטע איינקונפט שטאפלען אריבער ניו יארק סיטי און דעם ראיאן — וועלן מיר קענען אדרעסירן האוזינג אומזיכערהייט און טייערקייט. די קומענדיגע שטאפל וועט זיין שריט פון די סיטי רעגירונג צו אדרעסירן דרינגנדע האוזינג באדערפענישן, ארייננעכענענדיג זאָונינג רעפארמען ווי די 'סיטי פון יא פאר האוזינג געלעגנהייט' ( City of Yes for Housing Opportunity) און ארויסקומען מיט א בעיסמענט אפּארטמענט לעגאליזאציע פראגראם. מיר זענען דאנקבאר פאר די גאווערנער'ס פעלזן-פעסטע שתדלנות פאר לייזונגען וואס גיבן זיך אפ מיט די אורזאכן וואס ליגן ביים ווארצל פון אונזערע האוזינג פראבלעמען."

**CEO און פרעזידענט פון New York State Association for Affordable Housing , דזשאָולי מילסטיין, האט געזאגט,** "די בודזשעט שטופט פאראויס די פארשפרעך וואס גאווערנער האקול און די סטעיט לעגיסלאטור האבן געמאכט צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו זיכערע, אנשטענדיגע און אפאָרדעבעל האוזינג. עס היט אויף קריטישע אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג שטאפלען און ליפערט נייע ערשטמאליגע איניציאטיוון צו פארגרעסערן די האוזינג מארקעט. עס נעמט אויך אוועק שטערונגען צו אפאָרדעבעל האוזינג פראדוקציע דורכן אדרעסירן אינשורענס דיסקרימינאציע, אוועקנעמען באגרעניצנדע זאָונינג פאדערונגען אין ניו יארק סיטי און פאראויס שטופן נויטיגע שטייער אנרייץ מאסנאמען אין אויסטויש פארן גיבן טענאנטס לאנג-טערמיניגע אפארדעבעליטי. עס עקזיסטירנט נישט איין איינציגע לייזונג וואס קען לייזן דעם סטעיט-ברייטן האוזינג מארקעט קריזיס, אבער די בודזשעט נעמט אוועק באגרעניצנדע פאליסיס און עס איז א באדייטנדע טריט פאראויס אויף וועלכע מיר קוקן ארויס צו ארבעטן צוזאמען מיט די גאווערנער און געזעצגעבער צו ארויפבויען."

**די Community Preservation Corporation פרעזידענט און CEO, ראפאעל סעסטעראָו, האט געזאגט,** "איך אפלאדיר די סטעיט'ס בודזשעט אפמאך וואס וועט אויסשטאטן ניו יארק סיטי און סטעיט מיט די כלים וואס זענען נויטיג צו ארויסשיקן א נייע כוואליע פון האוזינג דעוועלאפמענט אויפן וועג. די נייע 485-x אנרייץ מאסנאם, אין צוגאב צו די אנדערע האוזינג איניציאטיוון אין די אפמאך, קומט נישט אפילו איין רגע צו פרי, און עס וועט ענדליך ברענגען מער היימער צו געבויט ווערן פאר ניו יארקער. כאטש עס איז נאך דא מער ארבעט צו טוהן, בין איך ערמוטיגט צו זעהן אונזערע פירער אין אלבאני אונטערנעמנדיג נויטיגע שריט צו אדרעסירן דעם היסטארישן האוזינג קריזיס."

**גאווערנער האקול'ס האוזינג אגענדע**

די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און מאכן די סטעיט פאר א מער אפאָרדעבעל און איינוואוינער-פריינטליכע פלאץ פאר אלע ניו יארקער. אלס טייל פון די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023, האט די גאווערנער אנאנסירט א פינף-יעריגע, 25 ביליאן דאלארדיגע האוזינג פלאן צו אויפבויען און פרעזערווירן 100,000 אפאָרדעבעל היימער. מער פון 40,000 היימער זענען שוין געבויט געווארן ביז היינט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן